# וואוהין געהט דער ציוניזם?

## ווענען חיים גרינבערג'ס רעפעראט געהאלטען זונטאג אין לייבאר לייסעאום

פון נתן סטאלניץ

וואוהין געהט דער ציוניזם? דאס איז געווען די טעמע פון איינע פון די פיער גייסטרייכע לעקציעס וואס איז גע־האלטען געווארען לעצטענס אין טאראנ־טא, פון באקאנטען ווארט פיהרער פון דער ציוניסטישער ארבייטער באוועגונג חיים גרינבערג. הגם דער זעלבער לעקטאר איז שוין ניט קיין פנים חדשות פאר דער אידישער ציוניסטיש געשטימטער ארביי־טערשאפט פון טאראנטא, וועלכע ווייזט אלע מאהל ארויס גרויס אינטערעס ביי זיינעם א באזוך, אבער דאס מאל איז פאקטיש געוואקסען דער אינטערעס נאך פיעל שטארקער אפילו ביי גאר נייע פער־זאנען וואס האבען נאך אפשר גרינבערג'ן גאר קיינמאל ניט געהערט און איבער־הויפט צוליעב דער אויסגעקליבענער אק־טועלער טעמע וואס אינטערעסירט איצט אזוי פיעל־בלוטיג דעם אלגעמיינעם אי־רענטום, און טראצדעם וואס איז גאר ווע־ניג אדווערטייזט געווען ווענען חיים גרינ־בערגס אנקום איז דאך ביי דער דאזיגער לעקציע געווען דער גרויסער זאל פון אר־בייטער טעמפעל (לייבאר לייסעאום) אנ־געפילט געווען מיט נייגעריגען פובליקום פון פארשיעדענע שיכטען פון היגען אי־רענטום און דער עולם איז זיכער ניט ענ־טוישט געווארען פון דער ערווארטונג.

דער לעקטאר האט דאס מאהל אין זיין ריין פאליטישען רעפעראט ווירקליך אנטוויקעלט גאר נייע טעאריעס וואס הא־בען לעצוויגען אומגעהייער ערנסטע אויפ־מערקזאמקייט פון אלע צוהערער הגם א געוויסער טייל איז ניט גאנץ איינשטימיג [...]

# דער פופציג יאהריגער יובילעאום פון לאנ־דאנס באליעבטען אידען מר. ש. ריטשמאנד

פון דוד יוספזאן. (קארעספאנדענץ)

[...]

מאנד האט געהאלפען א לעבען צו מאכען זיינען היינט עקאנאמיש בעסער אפ פאר איהם אליין.

אין דער הינזיכט פון ארויסהעלפען א אידען באנוגענט זיך ריטשמאנד ניט בלויז פאר די אייגענע לאנדאנער תושבים. פרעמדע, דורכרייזענדע, ובפרט די יעניגע וועלכע קומען אין לאנדאן מיט א קולטור־רעלע מיסיע, פארקויפען ביכער, אבאנירען פאר צייטונגען, זאמלען געלד פאר אידישע אדער אנדערע קולטורעלע צוועקען, אדער זאמלען געלד פאר פילאנטראפיע וכדומה, שטעהט מר. ריטשמאנד תמיד גרייט מיט זיין אויטאמאביל צום דיענסט.

פאר דעם פארלאנגט מר. ריטשמאנד ניט קיין דאנק, פאר א דאנק אנטלויפט ער אין אלע זיינע קהל'שע טעטיגקייטען ווי באדייטענד זיין הילף מיטזאל זאל ניט זיין איז ער א נחבא אל הכלים. א בורח מן הכבוד אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט. אפשטעלען א פרעמדען אידען אין גאס, געבען איהם א בכבוד'יגע נדבה, ווייל איהם ניט פורש בשמו זיין איז ביי איהם ניט קיין מצוה נאר א אידיש מענשליכער חוב.

חוץ מזה איז ער א ליעבער הארציגער חבר און פריינד. די וואס קומען אפט אין קאנטאקט מיט איהם ליעבען און שעצען איהם אלס חבר און פריינד, תמיד איז ער א פרעהליכער, מונטערער, שפרודעלט מיט שארפזיניגקייט, איבערגעגעבען בלב ונפש צו זיינע חברים און פריינד, אן אמת'ער אח לצרה, און דער התלהבות'דיגער ביי זיינע חברים אויף א שמחה.

הלואי וואלטען די לאנדאנער אידען פארמאגט עטליכע אזעלכע ערנסטע אי־בערגעגעבענע אידען מיט זיינע מדות־טובות וואלט דאס אידישע כלל לעבען אין לאנדאן גאר אן אנדער פנים געהאט.

דערפאר ווען זיינע נאהענטע חברים און פריינד האבען זיך דערוואוסט אז אונ־[...]

## אכט קינדער קומען ניט אהיים פון סקול

די פאליציי איז דינסטאג נאכמי־טאג געוועזען א היבש ביסעל פארנומען זוכענדיג אכט קינדער, וועלכע זענען ניט געקומען אהיים פון זייערע סקולס.

די עלטערען וועלכע האבען ניט גע־זעהן זייערע קינדער, האבען גלייך אליארמירט די פאליציי, וועלכע איז ארויס איבער'ן שטאדט, און שפעט אין דער נאכט זענען זיבען קינדער אפגעזוכט געווארען.

די ערקלערונג איז געוועזען, אז עס איז געוועזען צו שעהן אויפ'ן גאס, צו געהן אהיים, און דערפאר זענען זיי אוועק זיך שפילען.

בלויז איין קינד, אליוו הארטפארד, זיבען יאר אלט, פון 24 וועסט עווענו, איז ניט געלונגען צו געפינען.

## עסיד'ס אין מאגען פאראורזאכט אומפארדייאונג

באשאפען זויערקייט, געז און שמער־צען. ווי עס צו באהאנדלען.

מעדיצינישע אויטאריטעטען באהויפ־טען אז ארום ניין־צענטעל פון פאלען פון מאגען־טראבעל, אומפארדייאונג, זויער־קייט, ברענען, געז, בלאטינג, נאוזעא, א. א. וו. קומט פון צופיעל הידראקלא־ריק עסיד אין מאגען. דער דעליקאטער מאגען־ליינינג ווערט גערייצט, דאס פארדייאונג געשטערט, און די שפייז־זויערקייט פאראורזאכען די אומאנגענעמע סימפטאמען, פון וועלכען יעדער מאגען־ליידענדער ווייסט אזוי פיעל.

קינסטליכע פארדייאונגס־מיטלען זענען ניט נויטיג אין אזעלכע פאלען, און זיי קענען נאך אנטאן אמת'ן שאדען. [...]

# קרובים געזוכט

[...]